# בית יעקב

## ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א״ג פרידנזאָן

ב״ה, לאָדזש־קראָקע־וואַרשע. | נומער 106 | צענטער יאָרגאַנג | תמוז תרצ״ג

**תוכן:** קרן־הישוב – *** פאעזיע פון גילייטערטער פשטות – א״מ ראגאווי. צו בין־המצרים – שרה שענירער. צוויי רעוואלוציעס – י״ל גערשט. א גיזאַנג פון דודן – אליעזר שינדלער. צווישן זיך גירעט – א״י ליפמאַנאוויטש. קאַפּיטאַליזם, מאַרקסיזם... און רעליגיע – ד״ר יוסף קאַרלעבאַך. א בריוו פון „חפץ חיים״ וועגן „בית יעקב״. דאָס חרובע שטעטל – ישראל עמיאָט. רבן גמליאל פון יבנה – שמואל אָסטערזעצער. אין יריחו אין די גרויסע היצן – א״ל. זייט גיבענטשט גיט פוח – ח. שלאָמאָוויטש. מערעלייקע – ז. שאַכנאָוויטש. שטיל און הייליק – א. שינדלער.

בנות בלעטער

א גוטער סימן – *** עס מוז גישעען – רבקה הארָאוויץ. דער וועג צום ציל – ב. ווייסקאָל. ווער איז שולדיק – ת. מ. ראָזנבערג. מיר האָבן נידורלד – א קראָקעווער בנותקע. ידיעות און מודעות.

הארכיון היהודי

# קרן הישוב

ארכיון אסופות

שוין אַן־אַלטע מַחלה אין אונדזער גיזעלשאַפטלעכן לעבן: פריִער וויל מען וויסן „וואָס מע וועט האָבן דערפון״. צו־ווייניק תמימות און צו־פיל חשבון, שוואַכער בטחון און נאָך ווייניקער גלויבן אין זיך אַליין, לויערט אויף אונדזער יעדן אונטערנעם. מע גייט נישט צו צו אַ־אַקציע קודם־כל מיט דער גיהעריקער אידעאַלער גיטריישאַפט אָן אַריינקלערינישן און חקירות, מע טוט נישט, ווייל די כלל־אידעע פאָדערט דאָס, נאָר מע וויל נאָך פריִער זען דעם פועל יוצא פאַר זיך אַליין און טאַקע שוין דעם דערגרייכטן שפיץ.

ביי דער אַרבייט פאַרן „קרן הישוב״ זענען מיר זיך אויך נוהג מיט דעם דאָזיקן פאַלשן סיסטעם. פאַר אַלץ האָט גידאַרפט זיין אונדזער חוב צו שטאַרקן דעם פאָנד פאַר אונדזער ארץ־ישראל אַרבייט. וואָס קען מען טון אָן געלט און וואָס קען מען טון פאַר ארץ ישראל אָן גרויסע סכומין געלט? די קלענצטע אונטערנעמונג, דאָס באַשיידנסטע טואינג פאַר ארץ־ישראל דאַרף דאָך האָבן א ריזיקן געלט־מקור און דאָך טון מיר אַזוי ווייניק, אַזוי ווייניק, אַז ס־פלאַמט ס־פּנים פאַר בושה.

אט הער איך שוין די טענות: וועט דען די אגודה באַקומען סערטיפיקאַטן? ווען וועט דאָס זיין? און מיר, אין דעם און יענים שטעטל וועלן אויך באַקומען? וויפל די צעירים, וויפל די פועלים און וויפל מאַקע די „בנות״?

ווי גאָך ווייניק דערוואַקסן זענען מיר צום תופס זיין די הויכקייט און טיפקייט פונים אידעאַל פון בנין־הארץ אינים גייסט פון דער תורה.

וואָס וועט דען זיין דעמלט, ווען מיר וועלן יא באַקומען סערטיפיקאַטן — און בעזרת־השם וועט עס דאָך פריִער גישעען ווי א סך פון אונדז מיינען — וואָס־זשע וועט זיין דעמלט?

אַז אגודת־ישראל וועט נישט האָבן דעם גרויסן רעזערוו פון געלט־מיטלען, אויף צו קאָלאָניזירן, אויף צוצוגרייטן אַן־אָרט פאַר דער אָרטאָדאָקסישער עליה, אַז ס־וועט נישט זיין קיין טיכטיקע אינפאָרמאַציע־דינסט אין אר״י פאַר די עולים, וואָסערע יסוד קען האָבן אַן־אָרטאָדאָקסישע מאַסן־עליה און מיט וואָס וועט זיין גאַראַנטירט, אַז אונדזערע עולים אין הייליקן לאַנד זאָלן זיך שפּעטער נישט צו־לויפן אויף שבעה־ימים?

די ארץ־ישראל צענטראַלע פון דער אגודה, וואָס איז אייגנטלעך טעטיק ערשט איין יאָר אין גאַנצן, האָט לפי־ערך, דאָך באַוויזן שוין עפּיס אויפצוטון. קודם־כל דאָס אָרגאַניזירן די קרן־הישוב קאַמפּאַניע און דאָס אויפשטעלן א טיכטיק ביוראָ, איז דאָך כשהוא לעצמו ביי אונדזער גיזעלשאַפטלעכן און אָרגאַניזאַטאָרישן פאַר־נעם שוין אויך א חשובער פאַקט. די דערפאָלגן פון פאַרשידענע אַקציעס זענען טאַקע א פועל־יוצא פון דער טיכטיקער קרן־הישוב־אָרגאַניזאַציע. אַצינד די גרויסע מי ביים קאַמף פאַר די סערטיפיקאַטן, די זאַמלונג פאַר די רעליגיעזע שולן אין ארץ־ישראל, די הכשרה־פונקטן און נאָך פיל אַרביטן, וואָס גיפינען זיך ערשט אין זייער אָנהייב.

זאָלן מיר־זשע פאַרשטיין די אַרבייט פון קרן־הישוב צו לענקן אויף אַן־אַנדערן וועג. ס־דאַרף זיין „מַעשה קודם לתנאי״.

ס־איז אונדזער אַלימינס חוב אָן וועלכע ס־איז פאַרבעדינגען צו ווירקן, אַז קרן־הישוב זאָל זיין רייך און שטאַרק. אין גאָרנישט טאָרן מיר מאַכן אָפּהענגיק אונדזער ענערגיש טון לטובת דעם אייגנציקן פאָנד פאַרן אויפבוי פון א ריין יידיש ארץ־ישראל.

דער מאָרד אויפן ציוניסטישן פירער אַרלאָזאָראָוו אין תל־אביב, דאַרף אונדז רעליגיעזע יידן גאָר באַזונדער דערמאָנען, ווי גרויס ס־איז אונדזער התחייבות צו פאַרשטאַרקן די השפעה פון רעליגיעזיטעט און יידישקייט אין הייליקן לאַנד.

ס־חידושן זיך די ציוניסטישע פירער אויף דער הוה־אמינא אפילו, אַז דאָס זאָל האָבן גיטון א ציוניסטישער יונגערמאַן. די מלחמה צווישן ציוניסטישע גרופּירונגען צופלאַקערט זיך טאָג אויף טאָג און זיי אַלע צוזאַמען מאַכן זיך פאַרגעסן, אַז די דעמאָראַליזאַציע ביי דער יוגנט איז א פועל־יוצא פונים „נהי׳ ככל הגוים״־גידאַנק, וואָס איז דער רוקן־ביין פון ציוניזם אין זיין גאַנצן פאַרנעם.

מיר טאָרן צו דעם אַלים נישט זיין גלייכגילטיק. פון דער שאָדן־פרייד וועלן מיר קיין ממשותדיקס גאָרנישט האָבן. ארץ־ישראל איז אין סכנה, און די גיפאַר וואַקסט מיט א טייוולאַנישן טעמפּא און טאַקע דערפאַר, וואָס ארץ־ישראל איז ביי אונדז הייליק און טייער זינט דורות זענען מיר מחויב צו רעאַגירן דערויף דורך מַעשים:

פירן א פאַרשטאַרקטער קרן־הישוב־אַרבייט, וועקן חיבת הארץ ביים ברייטן יידישן רעליגיעזן עולם, עפינען די וועגן פאַר א מאַסן־עליה פון רעליגיעזער יוגנט קיין ארץ־ישראל און ראַטיווען דאָס הייליקע לאַנד פון די, וואָס מיט איין האַנט בויען זיי און מיט דער אַנדערער האַנט טון זיי אָנמאַכן חורבנות און הריסות.

* * *


הודפס מתוך הארכיון היהודי

# צו בין המצרים — שרה שענירער

**ערשטן** נישט לאַנג האָבן מיר מיט דעם אַלטן יידישן התלהבות גיזאָגט: „נעשה ונשמע" און גירופן די גאַנצע וועלט אויף זיך צו נעמען דעם עול מלכות שמים.

עס דערנענטערן זיך שוין די בין־המצרים טעג, און ס־גייט פאַר אונדז אויף דאָס בילד פון היילקן לאַנד, וואָס פאַרלירט זיין שיינקייט, זיין „חלב־ודבש". ס־הערט אויף די פאַרוואונדערונג אויף ג—ט ברכה איבער לאַנד פון ישראל. דאָס לאַנד הייבט אָן פאַרוויסט צו ווערן און אט זעען מיר דעם נביא ירמיהו זיצן אויף די חורבות פון ציון און ירושלים און באַוויינט דעם חורבן. ירמיהו הנביא, וואָס האט אַזויפיל גיליטן פון פאָלק ישראל, פון אים הערן מיר די ווערטער: „ד' עזי ומעוזי ומנוסי ביום צרה וכו'". דער נביא רופט אויס: מיין כוח, דער קוואַל פון מיין קראַפט, מיין רעטונג אין טאָג פון צרה, צו דיר, א ג—ט. וועלן אַמאָל קומען פעלקער פון אַלע עקן וועלט און זיי וועלן זאָגן: „נאַר ליגנט האָבן מיר גירשנט פון אונדזערע עלטערן, נישטיקס, וואָס קען זיי קיין שום נוצן נישט ברענגען, ווי קאָנען זיך די מענטשן מאַכן געטער, אַז זיי אַליין האָבן קיין ג—ט נישט. פאַר דאָס וועל איך זיי ברענגען צו דער דערקענטניש, איך וועל זיי ווייזן מיין מאַכט און זיי וועלן דערקענען אַז מיין נאָמען איז השם".

„די זינד פון יהודה איז גישריבן מיט אַן־אייזערנער פעדער און מיט אַ שמיר־נאָגיל איז זי אַדורכגיאַקערט אויף זייער האַרץ־ברעט".

און עס ציען זיך אַזוי ווייטער די האַרציקע רייד דאָרטן אין ספר ירמיהו, און איך בין זיכער אַז די לייענערנס טון אין די צייטן די דאָזיקע קאַפּיטלעך אין ירמיהו אַדורכלערנען.

אט זעען מיר דעם יידישן נביא, וואָס האט אַליין אַדורכגילעבט דעם שרעקלעכן חורבן. „אני הגבר", ער איז דער מענטש, וואָס האט דורכגילעבט די גאַנצע קאַטאַסטראָפע, וואָס אַנדערע נביאים האָבן פאַראויסגיזאָגט און אַליין נישט מיטגימאַכט, דאָך רופט ער אויס: השם עוזי! ער וועקט צו בטחון, ווייל ער ווייסט, אַז השי"ת גיט אונדז כוח און פאַרפאַנצערט אונדזער קיום. „עוז" מיינט מיין תורה, אט די תורה הקדושה לינדערט אונדזערע צרות און פאַרלייכטערט אונדזער נויט.

דער נביא רופט דאָס יידישע פאָלק צו דער תורה. אין זיין „חזיון" זעט ער דעם אויפגאַנג פון אַלע מענטשן צו ג—ט מיט דער באַקענונג פון אמונה.

דער נביא זאָגט פאָר דאָס גאַנצע גלות, מיט זיינע אַלע גרויל־בילדער. אבער די דאָזיקע צרות און טראַגישע איבערלעבענישן, וועלן נאָר שטאַרקן דאָס פאָלק ישראל, אויסלייטערן די יידישע דורות, און צוריק וועט קומען די גרויסע שעה פון גאולה און אַחרית הימים.

יאָ, מענטשן פאַרגעסן אַז איין אמתער ג—ט פירט די וועלט. פונקט ווי אַמאָל דער ערשטער מענטש אָדם הראשון האט זיך פאַרלוירן אין גן־עדן און זיך נישט גימאַכט הערן, אַז ג—ט רופט אים. ישעי' הנביא לאַכט אויס די דאָזיקע נאַרישע מענטשן, וואָס מאַכן זיך אַליין געטער אָנשטאָט צו גלייבן אין אמתן באַשעפער פון הימל און [illegible]

ארכיון אסופות

„חטאת יהודה כתובה"

יאָ, די זינד פון יהודה איז מיט אַן־אייזערנער פעדער אויסגיקריצט אויף זייערע האַרץ־ברעטער און דאָך פילן זיי נישט קיין אַנדערן אויסגאַנג־פונקט, קיין אַנדער גליק, ווי דאָס וואָס קומט אַראָפּ פון מזבח.

איז דאָס נישט אַ פלא? דאָס קריסטלעכע קינד ווערט פון דער פריסטער יוגנט איינגילערנט, אַז יידן זענען אַ פאָלק, דאָס דורך זייערע זינד האָבן זיי זיך פאַרדינט די רדיפות פון אַלע פעלקער. אַלע ביטערקייטן פון דעם לעבן ווייסט דאָס קריסטלעכע קינד אין דעם איינים וואָרט „ייד" צו פאַרקערפערן, אבער דאָך הערט דאָס זעלבע קינד, אַז יידן זענען דאָס איינציקע פאָלק צו־וואָס דער בורא־עולם האט זיך אַנטפּלעקט און דאָס דאָזיקע פאָלק אויסגיקליבן.

יאָ, יידן זענען אַ זינדיק פאָלק, זאָגן זיי, און דאָך לערנט אַפילו דאָס נישט יידישע קינד פריער די געשיכטע פון אַברהם, יצחק ויעקב, פון יוסף, משה און שמואל, דוד און שלמה, פון שרה, רבקה, רחל, לאה, חנה און דבורה.

יאָ, אַ זינדיק פאָלק זענען די יידן און פאָרט זענען די יידישע קלאַנגען און די יידישע הלל־לידער אויף אַלע ליפּן או די יידישע האָפענונגען זענען די האָפענונג פון דער מענטשהייט. יאָ, ס־איז אמת, אָרים איז היינט ישראל, גיפאַלן איז זיין כבוד, זיינע אוצרות באַרויבט, די מזבחות צושטערט, אבער די גרויסע ירושה, וואָס ג—ט האט אונדז גיגעבן פירט אונדז אויף די וועגן פון אויסלייזונג און צום ציל פון דער גליקלעכער שעה, וואָס וועט קומען.

מיינע ליבע שוועסטער! זאָלן־זשע מיר זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון דעם גרויסקייט און פאַלשן גלאַנץ פון פרעמדע פעלקער. זאָלן מיר זיך נישט דערשרעקן פאַר די „היטלערס", וואָס טרעטן אונדזער כבוד.

די מאַכט פון אַ היטלער איז נאָר אַ צייטווייליקע, אָן אַ צוקונפט, וואָס וועט סוף־כל־סוף זיך צופאַלן און אויף דער דאָזיקער חורבה וועט נאָך ווערן אויפגיבויט ישראל.

אונדז דאַרף דאָס אבער דערמאָנען, אַז מיר האָבן נאָך אונדזער חוב נישט גיטון מיר מוזן רעווידירן אונדזערע מעשים סיי אין די ענינים פון בין אָדם למקום און סיי אין די ענינים פון בין אָדם לחבירו. ספּעציעל אַצינד וויל איך אייך דערמאָנען וועגן אָפּהיטן די צניעות־קולטור אין זומער־צייט ס־דערנענטערן זיך די בין־המצרים טעג און זאָלן מיר כאָטש דעמאָלט, ווען מיר טרויערן אויף ציון און ירושלים גידענקען אין דעם אַלימען, וואָס האט גורם גיווען דאָס היסטאָרישע אומגליק לאָמיר זיך אויסבעסערן אין מדות און זאָלן מיר שטייגן צו דער מדרגה פון זיין אַ גוי קדוש, און דעמאָלט וועט ערשט ריכטיק מקוים ווערן, אַז אַלע פעלקער וועלן רופן: בית יעקב לכו ונלכה באור השם!

# גיזאַנג פון דוד

גאָט, ווער מעג וואוינען אין דיין גיצעלט,
און רוען אויף דיין הייליקן באַרג?
דער וואָס פירט זיך ערלעך,
און טוט גירעכטיקייט,
און רעדט אמת אין זיין האַרץ.
רכילות קומט נישט אויף זיין צונג
טוט זיין נאָענטן קיין שלעכטס נישט
און הייבט נישט אויף קיין שאַנד
אויף זיין קרוב.
דער שפלדיקער איז מיאוס אין זיינע אויגן,
און די וואָס האָבן מורא פאַרן באַשעפער
האַלט ער בכבוד.
שווערט ער אַפילו זיך צו שאַדן,
בייט ער פאַרט נישט זיין וואָרט.
זיין געלט גיט ער נישט אויף ריבית
און אונטערקויף־געלט קיגן אַן־אומשולדיקן
נעמט ער נישט —
ווער ס־טוט דאָס אַלץ, וועט קיינמאָל נישט אומפאַלן.

יידיש: **א. שײבדלער**



הודפס מתוך הארכיון היהודי

# שוין ארויס פון דרוק דאס לאנג־דערווארטעטע בוך

# גיזאמלטע שריפטן

# פון שרה שענירער

יעדע יידישע פרוי, יעדע יידישע טאכטער, דארף זיך שוין פארשאפן דאס דאזיקע וויכטיקע האנט־בוך. אין קיין שום יידישע שטוב טאר דאס בוך נישט פעלן. זינט לאנגע צייטן איז שוין נישט געווען אזא אריגינעל בוך פון א יידישע פרוי, ס׳איז א בוך צו לערנען און צו לייענען!

## דער רייכער תוכן פונים בוך:

### א) בלעטער פון מיין לעבן

פרוי שענירער באשרייבט אינטערעסאנטע מאמענטן פון איר לעבן, פון די קינדער־יארן אן ביזן היינטיקן טאג. באזונדער ווערן דערמאנט די וויכטיקסטע מאמענטן פונים אנטשטיין פון דער בית־יעקב באוועגונג. איינדריקן און באשרייבונגען פון די וויכטיקסטע געשעענישן, צוזאמענפארן, באזוכן במשך די לעצטע 15 יאר.

### ב) בית־יעקב און בנות אגודת ישראל

1. דער ציל פון די בית־יעקב שולן. 2. אונדזער לערערשאפט ביי די לימודים. 3. דריי בריוו צו בנות אגודת ישראל. 4. דער ערשטער יאר־טאג פון „בנות״. 5. דער ערשטער ארטאד. פרויען־קאנגרעס אין ווין. 6. יידיש און יידישקייט 7. אונדזער גידרוקט ווארט. 8. 15 יאר בית*־יעקב באוועגונג.

### ג) צייט מאמרים

1. דער שבת און די יידישע פרוי. 2. דער חודש תשרי. 3. אונדזער באנייאונגס יום־טוב חנוכה. 4. וואס לערנט אונדז פורים. 5. דער יידישער פרויען יום־טוב פסח. 6. ספירה און ל״ג בעומר. 7. שבועות און רות. 8. שבעה עשר בתמוז. 9. חורבן ירושלים. 10. נחמו נחמו עמי. 11. חמשה עשר באב – דער באנייטער יום־טוב פון די רעליגיעזע יידישע טעכטער.

### ד) יידיש פרויען לעבן

1. די הייליקע פליכטן פון דער יידישער פרוי. 2. אונדזער צניעות־קולטור. 3. די יידישע פרוי און דאס כשרות. 4. יידיש פאמיליע־לעבן. 5. מאדע אפגאט.

### ה) צען בריוו צו יידישע קינדער

1. דער שטילער חודש חשון 2. מיין שלח־מנות צו אייך. 3. אנטלויפט פון זאגן ליגנט. 4. דערווייטערט אייך פון קנאה־שנאה 5. זייט יעדן דן לכף זכות. 6. זייט נישט שטאלץ ביי זיך. 7. היט אייך פון לשון־הרע. 8. כבד את אביך ואמך. 9. ואהבת לרעך כמוך. 10. אונדזער בית־יעקב שול. (די בריוו צו קינדער זענען גידרוקט ספעציעל מיט גרויסע שריפט).

### בילדער

1) צרשטע בנות־קאנפערענץ אין לאדזש. 2) ערשטע בית־יעקב שול אין קראקע. 3) צווייטע בנות־קאנפערענץ. 4) צענטראל־ראט צוזאמענפאר אין ווארשע 5) בית־יעקב סעמינאר אין קראקע. 6) א גרופע סעמינאר־תלמידות פון יאר פ״ו. 7) בנות־קאנפערענץ אין פאביניץ. 8) בנות־קאלאניע אין בענדין. 9) בנות־קאלאניע אין לאדזש. 10) בית־יעקב שול אין ירושלים 11) וועלט־קאנגרעס פון ארטאדאקסישע פרויען אין ווין. 12) פגישה פון „בנות״ אין בעלכאטאוו. 13) א גרופע סעמינער־תלמידות פון יאר תר״ץ. 14) פגישה פון „בנות״ אין פולטוסק. 15) פארש־בילדונג־קורסן פון לערערנס אין ראבקע. 16) גרונטשטיין־אקט פון ב״י סעמינאר. 17) בנות־דעלעגאציעס ביי פארשידינע פייערלעכקייטן. 18) כשרע פרויען קאך־שול אין ווין. 19) פארשידינע בילדער פון שולן. 20) צייכנונגען און עמבלעמען.

**אין יעדן בוך אויך א גרויס בילד פון דער מחברטע פרוי שרה שענירער !!!**

א באזונדערער חוב איז עס פון לערערנס און בנות=פירערנס, צו באמיען זיך, אז יעדע שילערן און חברה, זאל האבן דאס בוך און ס=זאל דערפון כסדר גילערנט און גילייענט ווערן וויל דערמיט פארשטארקט מין דאס תורה באוואוסטזיין ביים יונגין דור.

**פראכט אויסגאבע 130 זייטן – פרייז 3.50 גילדן – במשך דעם חודש נאר 2.25 מיט פארטא!**

אדרעס פון פארלאג: **Bajs Jakow Łódź, Kilińskiego 44. P. K. O. 67.795.**



הארכיון היהודי

הודפס מתוך הארכיון היהודי

עמוד 10 מתוך 22

# רבן גמליאל הנשיא פון יבנה

פון **שמואל אסטערזעצער** (דיסבורג)

**בשעת** דער אלטער רבן יוחנן בן זכאי איז געשטאנען מיט א ציטערדיק הארץ פאר דעם רוימישן שר-צבא און שפעטערן קייזער אספסינוס (וועספאזיאן) וויסנדיק, אז פון דער דאזיקער היסטארישער שעה הענגט אפ דער גורל און דער קיום פונים יידישן פאלק, האט ער פון דעם צורר-היהודים געבעטן נאר דריי זאכן: „גיב מיר יבנה און אירע חכמים; גיב רשות, רבן גמליאל זאל זיין נשיא און גיב מיר א רופא צו היילן ר׳ צדוקן". דער אלטער, געניטער חכם און מנהיג ישראל, וואס האט אין דער שווערסטער צייט פון דער יידישער געשיכטע פערציק יאר געפירט דאס יידישע פאלק, האט מיט זיין שארפן בליק און זיין טיפן שכל פארשטאנען, אויף וועלכן אופן ער וועט קענען אפראטעווען דעם קיום פונים יהדות און פונים יידישן פאלק. (זע דעם מאמר „ר׳ יוחנן בן זכאי און זיין צייט" ב"י זשורנאל נומ. 33—34) זיין ערשטע בקשה איז געווען „תן לי יבנה וחכמיה", ער זאל מעגן שאפן א גייסטיקן תורה-צענטער אין יבנה. וויסנדיק, אז ביים יידישן פאלק הענגט דער קיום האומה אפ פונים קיום התורה והיהדות. אבער די צווייטע בקשה איז געווען: „שושילתא דרבן גמליאל", דאס נשיאות פון רבן גמליאל. אין א צייט ווען אלע קנינים פונים יידישן פאלק, הן די מאטעריעלע און הן די גייסטיקע, זענען אין דער גרעסטער סכנה און שטיין א שריט פארן חורבן, שפילט די פירער פערזענלעכקייט א גרויסע ראלע. פון אים הענגט עס אפ, צו די דרכים און די עצות וואס מע זוכט, כדי זיך ארויסצוראטעווען פונים מסוכנדיקן מצב, געלונגען אדער נישט.

דאס האט ר׳ יוחנן בן זכאי גוט געוואוסט, און בשעת ער איז געגאנגען מיסד זיין יבנה, ס'זאל זיין דער רעטונגס-אנקער פאר דער אונטערגייענדיקער יידישער שיף, האט ער נישט געפונען קיין בעסערן פירער, קיין פארלעסלעכערן מנהיג צו לייגן אין זיינע הענט דעם מסוכנים גורל פונים יידישן פאלק, ווי זיין פרייגט רבן גמליאל.

און יבנה וואלט זיכער נישט געווען דערגרייכט דאס חשיבות אין דער יידישער געשיכטע און וואלט נישט געווארן דער גרונטשטיין פארן נייעם יהדות-בנין נאכן חורבן, ווען רבן גמליאל זאל נישט געווען שטיין בראש. מיט טיפער חכמה האט ער משיג געווען די אומגעהייערע אויפגאבע, וואס מ'האט ארויפגעלייגט אויף זיינע פלייציס און מיט זעלטענער געניטשאפט האט ער פארשטאנען אויסצומיידן אלע סכנות, וואס האבן זיך אים געשטעלט אין וועג. און אין די שווערסטע שעהן איז אים בייגעשטאנען זיין קרישטאל-ריינער כאראקטער וואס האט מנצח געווען אלע זיינע געגנער.

רבן גמליאל, א זון פון רבן שמעון בן גמליאל, איינער פון די עשרה הרוגי מלכות, וואס איז געהרגעט געווארן דורך די רוימער, און אן-אור-אייניקל פון הלל, האט ביז צו זיין נשיאות אדורכגעלעבט די שרעקלעכסטע צייט פון דער יידישער געשיכטע, די צייט פונים חורבן בית שני.

צוקוקנדיק צום דעמאלטדיקן מצב, האט רבן גמליאל מיט זיין שארפן בליק תיכף געפונען דעם מקור פונים אומגליק: „לא חרבה ירושלים אלא מפני שהיתה בה שנאת חנם". ירושלים איז צו גרונד געגאנגען נאר וועגן שנאת חנם. דאס יידישע פאלק איז געווען צעריסן אין כתות און פארטייען, געפירט צווישן זיך שרעקלעכע מחלוקת און מלחמות און אזוי ארום גורם געווען דעם שרעקלעכן חורבן.

האט דאך די מלחמה צווישן די צוויי ברידער הורקנוס און אריסטובלוס גורם געווען, אז רוים האט באקומען א דריסת הרגל אין ארץ-ישראל.

אז מע קוקט זיך צו צום התנהגות פון רבן גמליאל אין משך פון דער צייט פון זיין נשיאות, זעט מען, אז זיין פרינציפ איז געווען, צו פארהיטן יעדע צוטיסנקייט, יעדן פירוד און יעדיס מחלוקת צווישן יידן, און זיין גאנצע ארבעט איז געווען צו שאפן און צו דערהאלטן דאס אחדות און דעם שלום.

דאס האט אים אפט גורם געווען א סך צרות און חשד, אבער ער האט אויף גאר נישט געקוקט און מיט א שטארקן רצון געגאנגען זיין דרך און קיינמאל נישט פארלוירן דאס גרויסע ציל פון זיינע אויגן.

געמט מען דאס דאזיקע ציל פון רבן גמליאל אין באטראכט, פארשטייט מען זיין גאנץ התנהגות און די אלע עפיזאדן, וואס די גמרא דערציילט פון אים. מע פארשטייט זיין שארף ארויסטרעטן אקעגן יעדן, וואס האט געפרואווט אטאקירן דאס אחדות און דעם שלום און קיינעם נישט נושא פנים געווען. אפילו די גרעסטע פון זיין צייט.

וויבאלד ס'איז געבוירן געווארן א ספק אין א דין, האט רבן גמליאל געלאזט דאס סנהדרין אפשטימען איבער דעם ענין און ווי דאס רוב האט זיך ארויסגעזאגט, אזוי האט געמוזט בלייבן. דעמאלט האט דער מיעוט געמוזט אינגאנצן מבטל זיין זיין דיעה אקעגן דעם רוב. אלץ כדי צו פארמיידן מחלוקת און די תורה זאל נישט זיין „כשתי תורות".

און אזוי דערציילט אונדז די משנה אין ראש השנה (דף כ"ד) א מאל איז ארויסגעקומען א מחלוקת צווישן רבן גמליאל און ר׳ יהושע וועגן די עדות החודש, עדות, וואס האבן געזאגט, אז זיי האבן געזעען די נייע לבנה און דאס בית-דין האט לויט דעם עדות קובע געווען ראש חודש) פון ראש חודש תשרי. און ווי רבן גמליאל האט געמערקט, אז ר׳ יהושע וויל נישט נאכגעבן, און האט פארשטאנען אז ר׳ יהושע וועט זיך מאכן יום-כפור לויט דעם אייגענעם חשבון, האט ער אים געשיקט זאגן, „איך בין אויף דיר גוזר, זאלסט קומען צו מיר מיט דיין שטעקן און מיט דיין בייטל אים יום-כיפור, וואס וועט געפאלן לויט דיין חשבון". ר׳ יהושע האט זיך בארעטן מיט זיין חבר ר׳ עקיבא און ר׳ עקיבא — פארשטייענדיק דעם אמתן מיין פון רבן גמליאלס באפעל — האט אים געזאגט, ווי דער נשיא פסקנט אזוי איז ריכטיג און האט אים געראטן, רבן גמליאלס ציווי אויסצופירן. ווי ר׳ יהושע איז אריינגעקומען צו רבן גמליאלן איז רבן גמליאל אויפגעשטאנען און אים געקושט אויפן קאפ און אים באגריסט מיט די ווערטער: „רבי ותלמידי, רבי בחכמה ותלמידי שקבלת את דברי". „מיין רבי און מיין תלמיד, מיין רבי אין חכמה און תלמיד, וואס האסט אנגענומען מיינע ווערטער". נאך אזעלכע ווערטער האט ר׳ יהושע געמוזט דערקענען די ריינע כוונה פון רבן גמליאל און האט בשום אופן נישט געקענט בייז זיין אויף אים.

אן-אנדערט מאל איז רבן גמליאל געוואר געווארן, אז ר׳ יהושע האט נאך אן-אפשטימונג זיין מיינונג נישט געענדערט, כאטש זי איז אדורכגעפאלן, און האט זי אויך ארויסגעזאגט פאר א תלמיד. רבן גמליאל האט ר׳ יהושען דערפאר געלאזט שטיין ביי א צייט לאנג און נישט געהייסן זעצן. (בכורות ל"ו)

ווי אזא מעשה האט פאסירט צום דריטן מאל און רבן גמליאל האט ווידער ר׳ יהושען א צייט לאנג געלאזט שטיין בשעת ער האט פירגעלערנט, האט מען שוין אנגעהויבן אים חושד צו זיין, אז ער האט א פני׳ דערביי און מ'האט זיך צוזאמענגענומען און רבן גמליאלן אפגעזעצט פונים נשיאות און אויף זיין שטעל געמאכט צום נשיא דעם יינגן ר׳ אלעזר בן עזרי׳

אבער דא האט ווידער רבן גמליאלס גאלדינער כאראקטער אלץ מנצח געווען *און ער איז ארויס א זיגער פון דעם קאמף.

קודם האט רבן גמליאל נישט ארויסגעוויזן קיין שום הקפדה פאר דעם, וואס מ'האט אים אפגעזעצט. ער האט אפגעטרעטן זיין נשיאות שטול דעם יינגן נשיא און זיך אנידערגעזעצט אין דער שורה צווישן די תלמידים און זיך מפלפל געווען ווייטער ווי פריער.

וויפיל גדלות הרוח, וואס פאר אויסגעארבעטע מדות א מענטש מוז פארמאגן כדי אזוינס צו קענען טון, קען נאר דער פארשטיין, וואס איז א מאל שוין געווען אין אזא מצב.

אבער דאס אליין איז נאך נישט גענוג, האט רבן גמליאל זיך אויפגעהויבן און איז אין דער מיטאגס-צייט געגאנגען צו ר׳ יהושען א היים און האט אים מפייס געווען.

ר׳ יהושע האט תיכף געשיקט זאגן אין בית המדרש אריין, אז ער האט רבן גמליאלן מוחל געווען און אלע האבן דערקענט, וואס פאר אן-אומרעכט זיי האבן דעם אלטן נשיא געטון. מ'האט אים תיכף ווידער געזעצט פאר נשיא און איינגעפירט, אז רבן גמליאל זאל דרשענען צוויי וואכן און ר׳ אלעזר בן עזרי׳ איין וואך (ברכות כ"ז).

פון דעמאלט אן האט יעדער פארשטאנען, אז רבן גמליאל מיינט נישט זיין כבוד נאר זיין גאנצע ארבעט איז אפצוהיטן דאס אחדות פון דער תורה און




הודפס מתוך הארכיון היהודי

און אז ר׳ אלעזר בן הורקנוס האט זיך אמאל איינגישפארט און נישט גיוואלט באַכגיבן דעם רוב איז ר׳ יהושע גיוועזן דער ערשטער וואס האט זיך אקייגן אים ארויסגישטעלט און אונטערשטיצט דעם נשיא.

אבער נישט נאר ר׳ יהושע אליין, נאר אלע חברים און תלמידים זענען שוין דעמלט גישטאנען אויף דער זייט פונים נשיא. ווארן אזוי ווי ר׳ אלעזר בן הורקנוס האט זיך פארעקשנט און בשום אופן נישט גיוואלט נאכגעבן, האט מען אפגישטימט און באשלאסן אים דערפאר צו לייגן אין חרם.

די גמרא דערציילט, אז רבן גמליאל איז נאך דער מעשה גיפארן אין א שיף איז גיקומען א כוואליע און גיוואלט די שיף דערטרונקין. האט רבן גמליאל גיזאגט „איך ווייס, אז דאס איז נאר צוליב ר׳ אלעזר בן הורקנוס, אבער דו רבש״ע ווייסט דאך, אז נישט צוליב מיין כבוד אדער דעם כבוד פון מיין טאטן האב איך דאס גיטון, נאר כדי ס׳זאל זיך נישט פארמערן קיין מחלוקת ביי יידן״.

די ווערטער ווייזן אונדז, ווי רבן גמליאל האט זיין גרויסע אויפגאבע משיג גיווען. דאס יהדות נאכן חורבן איז גיווען ווי א פאס אן רייפן און רבן גמליאל האט גיהאט די אויפגאבע דאס דאזיקע פאס צוזאמינצוהאלטן און האט גיוואוסט, אויב ער וועט אפלאזן נאר איין פינגער, שוין פאלט אליס צוזאמין.

מע מוז זיך נאר פארשטעלן וואס פאר א חורבן ס׳וואלט גיוועזן ארויסגיקומין, ווען רבן גמליאל וואלט גיוועזן צוגילאזט, אז ר׳ יהושע זאל זיך מאכן אן-אייגינים יום-כפור.

וועגן דעם זעלבן טעם האט רבן גמליאל זייער גיקליבן די תלמידים און נאר אמתע און ערלעכע מענטשן אויפגינומין אין זיין ישיבה. מענטשן, וואס זוכן דעם אמת ווי ער אליין און לערנין נישט קיין תורה על מנת לקנתר.

א חוץ דער דאגה פארן אינערווייניקסטן שלום און אחדות האט רבן גמליאל גיהאט א סך צרות אויסצושטיין פון די שרעקלעכע גזירות, וואס די רוימישע קסריים האבן כסדר ארויסגיגעבן אויף די יידן. נישט איין מאל האט ער גימוזט פארן קיין רוים כדי אפצוראטעווין דעם שארית הפליטה פון א שרעקלעכער גזיהר.

איינמאל האבן די רוימער אים אליין פארמשפט צום טויט און נאר דורך א נס איז ער ניצול גיווארן. (תענית כ״ט)

אן-אנדערמאל האט דער קייסר באמיטיאן (81–3841) גישיקט צוויי מרגלים צו רבי גמליאל זיי זאלן אויספארשטן די יידישע תורה צי ס׳גיפינט זיך נישט אין איר עפיס אקעגן די אומות העולם. זיי האבן זיך פארשטעלט פאר גרים און אפגיזיצן א צייט לאנג ביי רבן גמליאל אין דער ישיבה. ביים אוועקגיין האבן זיי זיך אויסגיגעבן און גיזאגט: זיי האבן קיין שום שלעכטס נישט גיפינין, נאר איין דין איז זיי נישט גיפעלן, נאר דאס וועלן זיי אין רוים נישט דערציילן. (בבא קמא ל״ח)

די גמרא דערציילט, אז אונטערוועגס האבן זיי דאס פארגעסן. ס׳איז אבער א ספק וואס די גמרא מיינט צו האבן זיי פארגעסן דעם דין, וואס האט זיי נישט גיפעלן אדער האבן זיי פארגעסן זייער הבטחה, וואס האבן צוגיזאגט נישט צו דערציילן.

זייענדיק אין רוים איז אים אפט אויסגיקומין זיך מתווכח צו זיין מיט גילערנטע רוימער. עטלעכע פון די וויכוחים דערציילט אונדז די גמרא:

א פילאזאף האט גיפרעגט רבן גמליאלן. ס׳שטייט אין אייער תורה כי ד׳ אלקים אש אוכלה-הוא אל קנא. פארוואס שטראפט אבער ג—ט די געצענדינער און נישט די אפגעטער אליין? האט רבן גמליאל גיענטפערט: איך וועל דיר גיבן א משל, א בן מלך האט גיהאט א הונט און האט דעם דאזיקן הונט גירופן מיטן נאמין פון זיין פאטער. ווי דער מלך האט דאס דערהערט איז ער זייער בייז גיווארן. איצט זאג מיר אויף וועמין האט דער מלך גיצערנט אויפן זון אדער אויפן הונט?

האט דער פילאזאף גיזאגט. ווי קענסטו אזנדזער גאט פארגלייכן מיט א הונט? איך האב דאך אליין גיזען ווי א גאנצע שטאט איז פארברענט גיווארן און דאס הויז ווי די עבודה זרה איז גישטאנין איז שטיין גיבליבן.

האט רבן גמליאל גיענטפערט, ווען א מלך גייט פירן מלחמה מיט א מדינה, וואס האט זיך פארזינדיקט אקעגן אים, פירט ער א מלחמה מיט די לעבעדיקע צי מיט די טויטע?

אבער פארוואס פארניכטיט ג—ט נישט די אלע עבודה-זרהס, וואס פארפירן די מענטשן? פרעגט ווייטער דער רוימער.

יא, ענטפערט רבן גמליאל, די מענטשן זאלן נאר דינען אזעלכע עבודה-זרהס וואס די וועלט דארף זיי נישט, וואלט דער אייבערשטער זיי שוין פארניכטיט. זיי דינין דאך אבער צו דער זון, צו דער לבנה און די שטערן. זאל דער אייבערשטער צוליב די שוטים חרוב מאכן זיין וועלט? די וועלט גייט איר דרך און די שוטים וואס פארזינדיקן זיך, זענין עתיד ליתן את הדין.

אן-אנדער מאל האט א רוימישער פילאזאף גיפרעגט רבן גמליאלן: איר זאגט אז דארט ווי סע פארזאמלין זיך צען יידן איז דא די שכינה האט איר דאך מער געטער פון אונדז.

רבן גמליאל האט זיך אויסגידרייט צום דינער פון דעם פילאזאף און אנגיהויבן זיך צו בייזערן, פארוואס ער האט ארייגגילאזט די זון אין דער שטוב פון זיין הער.

וואס איז ער שולדיק, פארטיידיקט אים זיין הער, די זון איז דאך אויף דער גאנצער וועלט.

זעסטו, זאגט צו אים רבן גמליאל, די דאזיקע זון איז נאר א קליינער עבד פונים רבונו של עולם. איצט קענסטו שוין פארשטיין, אז דער אייבערשטער איז מלא כל הארץ כבודו?

רבן גמליאל האט אכט און דרייסיק יאר גיפירט דאס נשיאות און האט אין משך פון דער דאזיקער צייט גילייגט פעסטע יסודות פאר דעם נייעם יהדות בנין, וואס מ׳האט גימוזט אנהויבן ניי צו בויען נאך דעם חורבן.

רבן יוחנן בן זכאי און רבן גמליאל האבן דער וועלט גיוויזן, אז אזוי לאנג ס׳לעבט די יידישע תורה און דער יידישער גייסט לעבט אויך דאס יידישע פאלק. דער שונא האט נאר גיקענט חרוב מאכן דאס יידישע לאנד און אוועקרויבן די די חומריותדיקע בנינים פונים יידישן פאלק אבער נישט די רוחניותדיקע בנינים, וואס זיי זענין דער אמתער לעבנס-כוח און די ושמה פונים עם ר׳.

נאך רבן גמליאל איז גיווארן נשיא זיין זון ר׳ שמעון דער פאטער פון ר׳ יהודה הנשיא (רבי) דער מסדר פון דער משנה.

ער האט איבערגילאזט בצוואה, אז מע זאל אים קובר זיין אין אייפאכע לייוונטינע בגדים און האט אזוי ארום מבטל גיווען א שלעכטן מנהג, וואס איז ביז דעמלט גיווען איינגיפירט ביי יידן, אז א מת האט מען קובר גיווען אין די טייערסטע בגדים, וואס האט שטארק מכביד צול גיווען אויף דער משפחה.

רבן גמליאל איז נפטר גיווארן א קורצע צייט פאר דער מרידה פון בר-כוכבא און דאס סנהדרין אין גאנץ ישראל האבן באוויינט דעם גיטרייען און איבערגעבינים פירער פונים יידישן פאלק.

באצירט אייער שטוב

מיט די שיינע בילדער אויף זייד-גיוועב!

געררער רבי שליט״א

בעל „חפץ חיים״ שליט״א

רבי שמשון רפאל הירש זצ״ל

ד״ר נתן בירנבוים

פיינסטע אויספירונג

פרייז פון א שטיק 1.50 גילדן

אלע 4 צוזאמין נאר 5 גילדן.

אן געלט ווערט נישט גישיקט! — געלט-שיקן P.K.O.67-795





הודפס מתוך הארכיון היהודי

לעצטער נומער פון צענטן יאָרגאַנג

# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים
דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציע בנות אגודת ישראל אין פוילן
רעדאַקטירט דורך א"ג פרידנזאָן

ב"ה, לאָדזש־קראָקע־וואַרשע. | נומער 107 | צענטער יאָרגאַנג | אלול תרצ"ג

הארכיון היהודי

תוכן:
נאָך די „בית־יעקב" קאנפערענצן — א"ג פרידנזאָן. שופר־קלאַנגען (ליד) — אליעזר שינדלער. אַ וואָרט צו דער דיעקוסיע — שרה שענירער. רעליגיע אוןווירטשאַפט — ד"ר יוסף קאַרלעבאַך. אויף די זינד וואָס כ'האָב געזינדיקט — העשיל קלעפפיש. ס'איז מיר צוגעפאַלן די נאַכט — אלימלך שטייער. איינע אַ נאַכט — שמואל נאַדלער. וועלטן גייען אויף, וועלטן גייען אונטער — שמואל פליסקין. בטחון — ז. שאַכנאָוויטש. אויף דער שוועל פון עלפטן יאָר — *** באַריכטן פון בית־יעקב קאנפערענצן און פגישות פון „בנות". קאָרעספּאָנדענציעס און מודעות.

# נאָך די בית־יעקב קאָנפערענצן

ארכיון תשובות

א'

אויף אונדזערע בית־יעקב בלעטער האָבן מיר נישט איין מאָל מעורר געווען וועגן דער נייטיקייט צו פאַרשטאַרקן דעם צונויפבונד פון אונדזער צענטראַלער הנהלה מיט די סניפים פון דער פּראָווינץ; מיר האָבן תּמיד אָנגעוויזן דערויף, אַז ביי אַן אָפּטערן צוזאַמענטרעפן זיך פון עסקנים און לערערשאַפט און בראש די צענטראַלע טוערס, וועלן אַ גאַנץ סך פון די אָנגעווייטיקטע פראַגן פון אונדזער שול־באַוועגונג ווערן פאַרענטפערט. דאָס דורכשמועסן זיך אין די היימישע שול־ענינים האָט זייער אַ סך צו זאָגן און קען אַ סך העלפן אונדזער אַרבעט בכלל. דאָס האָבן אַלע פאַרשטאַנען און אומעטום האָט מען געהאָפט אויף דעם טאָג ווען דאָס וועט געשעען.

די צענטראַלע „בית־יעקב" אין קראָקע איז דעריבער הערים באַגריסט געוואָרן, ווען זי האָט אָנגעזאָגט די אַכט בית־יעקב קאָנפערענצן אויף אַ משך פון צוויי וואָכן צייט. מע קען אפשר האָבן טענות אויף דעם צו געבן טעמפּאָ פון די קאָנפערענצן, אָבער דאָ קאָנען די פאַרשטייער פון דער צענטראַלע וועלכע האָבן זיך געלאָזט אויף אַ נע־ונד־וועג צוויי וואָכן צייט, האָבן צו אונדז אַ פיל שטאַרקערע טענה! אַזוי צו אַרבעטן טעג און נעכט מיט אַן אָפּרו־הפסק בלויז אויף די באַנען, דאַרף נאָר געלטן אַלס מוסטער פאַר אַלע אונדזערע עסקנים, וואָס דער רוב פון זיי מיינען, אַז מע קען גרינג צוקומען צו אַלע אין דער וועלט. די כּוונה איז געווען מיטאַמאָל צו באַקומען אַ שלימותדיק בילד פון אונדזער שול־באַוועגונג אין גאַנצן לאַנד, אויפנעמען די שטימונגען פון אומעטום און צוהערן זיך צו די מיינונגען און פאָרלאַנגען פון יעדן אָרט.

די קאָנפערענצן האָבן אויך דאָס מאָל געהאַט אַ ניי פּנים און אָריגינעלן אופן: ס'זענען נישט געהערט געוואָרן די סטערעאָטיפּישע ברכות, ס'זענען נישט געווען קיין וואַלן אויף פּרעזידיומס און קאָמיסיעס, און ס'זענען אפילו נישט אָנגענומען געוואָרן קיין החלטות. דער גאַנצער קלאַפּער־געצייג פון קאָנפערענץ לשם קאָנפערענץ איז געשטעלט געוואָרן אין אַ זייט און דאָך, קען מען זיין זיכער, אַז די פּשוטע הערציקע אויסשמועסן וועלן אונדז האָבן אַ סך געגעבן.

דאָס געגנזייטיקע אויסשמועסן זיך האָט געגנזייטיק געלערנט און דאָס געגנזייטיקע לערנען זיך האָט געגנזייטיק אויפגעקלערט אַ גאַנצע ריי פון פאַרפלאָנטערטע פּראָבלעמען אין דער בית־יעקב וועלט. די דריי פאַקטאָרן אין דער באַוועגונג: די צענטראַלע, די פאַרוואַלטונגען, די לערערשאַפט, וועלן מהיום והלאה זיך בעסער פאַרשטיין, קענען אַרבעטן פּאַכמענישער און ממילא וועט די אַרבעט בע"ה זיין הצלחהדיקער.

ב'

מיר טאָרן נישט פאַרלייקענען, אַז נישט איין מאָל טרעפט עס ביי אונדז, דאָס מיר קוקן צופיל אַ ר ו י ס אין דער פרעמד און צו ווייניג קוקן מיר אַריין אינים אייגענעם וועלטל. ס'זענען פאַראַן צווישן אונדזערע עסקנים אַזעלכע, וואָס מיינען — און זיי מיינען עס זיכער גאַנץ ערלעך — אַז דערמיט, וואָס מיר וועלן אַביסל נאָכגעבן, אַביסל נאָכלאָזן, וועט שוין קומען די גאַנצע ישועה טרעפט עס דעריבער פאַלן פון אָפּנייגן פון פּרינציפּן, אָוועקגיין פון דער ליניע, אָפּזאָגן זיך פון התחייבותן און מבטל מאַכן אָנגענומענע עיקרים אין בית־יעקב פּראָגראַם.

דערציילט דירעקטאָר י"ל אַ ר ל עַ אַ ן פאַקטן ווי אויף איין אָרט האָבן פאַרוואַלטונגען געצוואונגען די לערערין זי זאָל נישט לערנען מיט די קינדער קיין יהדות, אויף אַן אַנדער אָרט זי זאָל נישט לערנען קיין יידישע געשיכטע, ווידער אויף אַן אַנדער אָרט צו לערנען העברעאיש כאַטש מיט דער ספרדישער הברה. עס טרעפן פאַלן פון נישט צו לערנען אין גאַנצן קיין יידיש, נישט דערלאָזן קויפן די קינדער קיין שול־ביכער, נישט צו האָבן קיין איינהייטלעכע ספרים אא"וו.

דאָס „שבת מאַכן פאַר זיך" אַז יעדע איינע פאַרוואַלטונג זאָל טון אַזוי ווי זי פאַרשטייט און ווי איר געפעלט, איז געוואָרן פעסטגעשטעלט אויף אַלע קאָנפערענצן קען נאָר פירן צו חורבה און רוּאין חלילה פון דער גאַנצער באַוועגונג. די צענטראַלע קעמפט און וועט ווייטער קעמפן פאַר דער אידעאישער, פּראָגראַמאַטישער און פּעדאַגאָגישער ג אַ נ צ ק יי ט פון רעליגיעזן פרויען־חינוך. דאָס נאָכקומען המון־פּסיכאָזן און גאַס־שטימונגען טאָר נישט האָבן ביי אונדז קיין אָרט. קיין שום פאַרוואַלטונג אין דעם אָדער אין יענעם שטעטל, האָט נישט קיין רעכט צו מאַכן שינוים לויט אייגענעם איינזעען. די צענטראַלע איז די אויטאָריטעט און לויט איר אָנווייז, מוז זיין דער לימוד און די הנהגה פון יעדער שול.

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַלע דעלעגאַטן, די פאַרשטייער פון די


הודפס מתוך הארכיון היהודי

